# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Beti Vays O”H/ Betty Weiss RIP

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/7fw1v1t6

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

### Author
Sarah Lainer, Sore Leyner/

### Publication Date
1981

### Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# בעסי ווייס ע״ה

דעם 20טן דעצעמבער 1980 איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ ליבע, האַרציקע פרוי, בעסי ווייס. אַ שטילער באַשיידענער מענטש, אָן פּרעטענציעס, האָט זי קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם אָרעמען מענטשן אין זיין נויט.

עס ווערט געזאָגט: „צדקה וגמילות חסדים שקולות כנגד כל מצוותיה של תורה.״ אין אַלע אירע יאָרן האָט זי שטאַרק געהאַלטן פון צדקה. זי איז שטענדיק געווען גרייט צו העלפן דעם יחיד ווי דעם כלל. אָן טומל און אָן כבוד־זוכעריי האָט זי געהאָלפן יעדן איינעם וואָס האָט זיך געווענדעט צו איר. און געשטיצט האָט זי מיט אַן אָפן האַנט און גוט האַרץ.

זי האָט באַלאַנגט צו פילצאָליקע, וווילטעטיקע אינסטיטוציעס אָן אונטערשייד פון אירע עלאָגיעס. זי איז שטענדיק געווען פון די ערשטע זיך צו ביישטייערן מיט גרויסע סומעס.

ספּעציעל האָט זי זיך אָפּגעגעבן צו איר פאַרצווייגטע משפחה אין רוסלאַנד, וואָס זי האָט גרויסאַרטיק געשטיצט אַלע אירע יאָרן.

די לעצטע יאָרן פון איר לעבן איז זי געווען קראַנק, צוגעשמידט צום בעט. אָבער אין איר אומגליק פון שוואַכן געזונט האָט זי געהאַט דאָס גליק צו זיין געבענטשט מיט אַן איבערגעגעבענעם מאַן, אַ פריינד און חבר, וואָס האָט איר אָפּגעהיט ווי אַ קינד ביז איר לעצטן אָטעם־צוג. יודזשין ווייס, יבדל לחיים, האָט געווידמעט צייט און כוח כדי איר צו פאַרלייכטערן די ליידן.

זייט געטרייסט, טייערער פריינד יודזשין ווייס, און איר זאָלט מער נישט וויסן פון קיין צער.

כבוד איר אָנדענק.

**שמחה און שרה ליינער**
**און משפּחה**

מיר טרויערן אויף דער פּטירה פון אונדזער ליבן פריינד

# אַלעקס ראַבין ע״ה

אונדזער טיפער מיטגעפיל צו מרימען און משפּחה.

▼

פראַניע וועלטמאַן
טובה און ד״ר גרשון וועלטמאַן, לאָס אַנדזשעלעס
עטל וועלטמאַן, יודזשין, אָרעגאָן